STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09811

TSVISHN ZUN UN REGN

M. Korman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קאָרמאַן

צווישן זון און רעגן

לידער און פּאָעמען

ארויסגעגעבן פון א גרופּע פריינט
פּעטערסאָן, נ. דזש., 1928

Copyright 1928
by
M. KORMAN
Paterson, N. J.

270

ר י י ז ל ' ע ן

מיין פריינט, מיין פרוי.



משה קאָרמאַן

אין ראָד:

אין פאַבריק

פרימאָרגן.
אַף די קליינע, מאַטע שויבן
שפּילן זיך די מאָרגן-שטראַלן,
שפּילן זיך און פורמען זיך, ווי קליינע, רויטע שפּיזלאַך,
און זיי פאַלן
אַף דעם בראַזגענדיקן, קלינגענדיקן אייזן,
די מאַשינען.
נאָגט עס ערגעץ אין דער טיף אַ סטרונע:
זעסט — ס'גייט אויף אַ בליענדיקער טאָג אַ נייער,
און דאָ — אין ענגער לופט פון שטויב און אייזן,
אויל און אייזן,
דאָ וועט דיין גייענדיקער טאָג פאַרגיין,
ווי אַלע דיינע טעג פאַרגאַנגענע.
און ס'פורמען זיך די דינע רויטע שפּיזלאַך,
פורמען זיך די שעה'ן מיינע,
שעה נאָך שעה,
שעה נאָך שעה,
וויקלט זיך פאַרביי מיין לעבן,
וויקלט זיך פאַרביי מיין יוגנט,
טעג נאָך טעג פאַרגעסענע,
ווי אַ ריי מיט אויסגעלייגטע טרעפּלאַך...
טראַכט איך דאַן פון טויבן ווייסע
מיט פאַרבלוטיקט רויטע פליגל און מיט אָפּגעהאַקטע קעפּלאַך...

צעטראָטענע,
צעשאָטענע,
אַף דעם בראַזגעדיקן, קלינגענדיקן, זינגענדיקן אייזן...

הינטער ציגל-רויטע ווענט...

הינטער ציגל-רויטע ווענט
שטייען מיר פאַרשאַרצט די הענט.
פון דער ציגל-רויטער מויער
קוקט אַרוים צו אונדז דער טרויער.

און פון שוואַרץ-געדיכטן רויך
וואָס ער קנוילט זיך אין דער הויך,
קנוילן מיט זיך אונדזערע טרוימען
דורך דעם ציגל-רויטן קוימען...

דאַס אינגעלע

פאַרנאַכט שפּעט —
דער הימל פאַרכמאַרעט, פאַרוואָלקנט,
אַ רעגן, א ווינט און א שטורעם.
אַ אינגעלע שטייט מיט צוויי שירעמס —
איינעם געעפנט, דעם צווייטן — אין אָרעם.

עס שטורעמט.
דאַס אינגעלע קוקט צווישן רעגן
מיט קינדיש באַ'חנ'ט ליבע בליקן,
ער וואַרט, ביז עס וועט זיך דערהערן
דער הילכיקער פייף פון פאַבריקן.

דאַס אינגל,
ער וואַרט פאַר זיין מאַ פון דער אַרבעט —
זי דאַרף באַלד פון שאַפּ אַרויסקומען.
און ס'שטורעמט אַזוי און עס רעגנט,
און זי האָט קיין שירעם גענומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

הו... הו.. הו...
עס טראָגט זיך אין לופטן אַ פייפן,
שנעל לויפט ער דער מוטער אנטקעגן.
און ס'ציען דאַן ביידע מיט ליבע
אהיים דורך דעם שטורעם און רעגן.

„סילק סיטי"

שטאָט.
שטאָט פון וועב-מאַשינען און פון זייד.
אומעטום, אַף אַלע דיינע גאַסן שטאַרן דיינע רויטע קוימענס
אין דער הויך.
פון די רויטע קוימענס קנוילט און וויקלט זיך, צי שפּעט,
צי פרי,
דער רויך.
פרימאָרגנס, ווען איך ליג אַף מיין געלעגער און עס שליסן
זיך נאָך מיד די אויגן מיינע, הער איך דיין ילֹלה, שטאָט:
דיינע קוימענס פייפן, רעווען אין דער לופטן,
ווי די שיפן אַף די ימען, ווי די שיפן אין אַ שטורם....

שטיי איך אויף און מאַך זיך גרייט.
גרייט צו דינען בײַ די אייזערנע מאַשינען דיר, מיין שטאָט,
שטאָט פון פילקאָלירנדיקער זייד.

איך מאַך מיך גרייט,
און דיינע קוימענס רעווען אַלע ווײַלע נאָענט און ווייט,
מיך צו אונטערטרייבן,
און איך, דער דיכטער, קוק און טראַכט
פון בילדער אנדערע.

צוועלף

דורך מיין פענצטער זע איך אַפּטמאָל אַט־אָ־דאָס:
אינמיטן וועג אַפן ברייט־געפּלאַסטערטן אַספאַלט
שפּרייזט אַרום אַ ווייסע טויב,
און פון אַ זייט — עס שטייט אַ גרויע קאַץ און הויקערט זיך
און לויערט אַף איר רויב.
מיט אַמאָל — עס טוט די קאַץ אַ שפּרונג,
און די טויב טוט זיך אַ הויב
און פליט.
שרעקנדיק און שטאָלץ אַף אירע פליגלען, און זי שטעלט זיך
אַף אַ הויכן קוימען פון אַ זייד־פאַבריק.

ס'בליט דער מאָרגן. פון אַלע געסלאַך און פון אַלע גאַסן
ציען, שטראָמען מענטשן מאַסן,
מיט פּעקלאַך און קאַווע־קענדלאַך אין די הענט.
די שטאָט איז עולה־רגל צו איר גאָט פון זייד.
ציען זיך אַזוי די שטראָמען, ביז זיי ווערן וואו פאַרשלונגען
הינטער גרויע מויערן.
ווערן טראָטואַרן אָפּגעליידיקט און די גאַסן ווערן שטילער,
וואו־ניט־וואו קוקט נאָר אומעטיק אַ שילד מיט גרויסע
בוכשטאַבן

אַרונטער:

"SILK CITY"

דרייצן

פולע גאסן זייד־פאבריקן.
הענגט דער אומעט אף די גאסן.
דורך די גרויע מויערן הערט זיך א געזשום פון זייד־
מאשינען,
דורך די פענצטערלאך די מאטע זעט מען וויקלען זיך די
רימענס,

אף די שויבן קריכן שטיקלאך שאטנס, שפיגלען עפעס אפ
פון אינווייניק.
דאכט זיך: שאטנס קריכן און דערציילן
מעשהלאך פון ארבעט,
פון הונגער און פון קאמף.

מיטן טאג.
„מעין סטריט" האט זיך פראנטיש אויסגעפוצט,
די געשעפטן ברייט צעעפנט,
די פענצטער אויסגעשטעלט מיט זייד און קליידער,
גאלד און זילבער,
און עס שימערירט מיט פארבן־שפילעוודיקן זייד.
די געשעפטן־שילדן גרויסן זיך און שמייכלען:

“SILK CITY”
“SILK CITY”

הימלאך אין די גאסן.
ס׳טרייבן זיך ארום אלרייטניקעס און זייד־גנבים.
אטאס פייפן. פעטע מענטשן פארן, פארן...

שטאט פון וועב־מאשינען און פון זייד!
מיינע יונגע טרוימען האב איך מיטגעבראכט צו דיר דורך
ווייטע ימען,
און דו — דו שטייסט און הויקערסט זיך און לויערסט אף די
טרוימען מיינע פונקט ווי יענע קאץ וואס לויערט אף דער
טויב...
האב איך אבער פליגל, מיינע פליגל, מיינע לידער,
און איך זינג צו דיר א ליד.

אַף אַ ניו יאָרקער באַן-סטאַנציע

רעלסן, רעלסן.
שערענגעם רעלסן
ציען זיך ווי שווארצע שטאָלן-שלאַנגען
רעכטס און לינקס,
קרום און גלייך,
רעלסן.

רעלסן און וואַגאַנען,
באַנען קומען,
באַנען גייען אַפּ,
באַנען ברענגען מענטשן,
באַנען פאָרן אַפּ און פירן מענטשן,
מענטשן שטויסן זיך און איילן,
הו-האַ — — —

איינער טרובעט אַף אַ טרובע,
רופט די נעמען אוים פון שטעט,
טראָגט זיך אַ גערודער,
אַ געטומל:
„פילאַדעלפיא",
„באָסטאָן",
„פיטסבורג",
„שיקאַגאָ".
און עס וויקלט זיך אַ רויך פון לאָקאָמאָטיוון.

זעכצן

מענטשן איינגעשטויבטע,
אַנגעקליידט אין אויבער־הויזן
קאַטשען וועגעלאַך און שטויסן,
שלעפּן פּעק און וואָרפן,
לאָדן אויס וואַגאָנען,
פּילן אָן וואַגאָנען.

סוחרים און דעטעקטיווס,
אויסגעפּוצטע הערן,
אויסגעפּוצטע דאַמען,
גלאַט אַזוי זיך פראַנטן,
פראַנטן און טוריסטן
שפּאַנען אום און יאָגן
נאָך די צוגן.

אָרימע פּאָריאַגטע,
פּנימער פאַרזאָרגטע,
דאַכט זיך שלעפּן זיי די צרות
אויפצופּאַקן אויף די באַנען,
ערגעץ ווייט אָוועקצעפירן...
איינגלאַך קליינע לויפן, שלעפּן
פּעקלאַך צייטונגען אונטער די אָרימס
און זיי רופן,

זיבעצן

און זיי שטרעקן אויס די הענטלאך,
און די אויגלאך בעטן:
„קויפט"...

און דער איינער מיט דער טרובע,
טרובעט אַלע ווייל אין לופטן
און ער טומלט,
רופט די נעמען פון די שטעט,
קייקלען שטעט זיך דורך דער טרובע,
אין געטומל,
אין געווימל,
הו, האַ — — —

און עס יאָגן זיך די צוגן,
און זיי קומען און זיי גייען,
און זיי שלינגען מיילן רעלסן,
און זיי פייפן און זיי קלינגען,
און זיי זינגען ס'ליד פון ווייטע וועלטן,
ס'ליד פן שטאָל און אייזן.

דערמאָנונג

שוין לאנג, אז מיר האָבן צעשיידט זיך,
צוויי וועגן פאַנאַנדער געגאַנגען:
איך — אין א וועלט פון קאַמף און פון טרוימען,
דו — אין א וועלט פון זילבער און גאָלדענע קלאַנגען.

נו, זאָל אין דיין אָרימען וועלטל דיר גליקן.
וועל איך אָן דיר זיך דערמאָנען:
וועל איך מיט א זיפץ אַלץ דערשטיקן,
צווישן אונדז ביידן — צעריסענע בריקן.

כ׳וועל ערגעץ אַמאָל אין מיין קאַמף דיך דערמאָנען,
און פּרעפּלען דיין נאָמען, ס׳זאָל קיינער ניט הערן.
און ס׳וועלן אַף רויטע, פאַרבלוטיקטע ליפּן
זיך קייקלען צוויי זילבן, ווי רויטע, פאַרבלוטיקטע פּערל...

דער זילבערנער בריק
(אַ מעשה׳לע)

ווייט אױף אַ זילבערנעם בריק,
וואָס הייגט אױף אַ גילדערנער שטריק
גרעניצט אַ זוניקע לאַנד —
שפּרייזט דאָרט אַ ריז נאַכאַנאַנד
מיט אַ ברענענדן פאַקל אין האַנט.

שפּרייזט ער באַטאָג און באַנאַכט,
באַהיט דאָרט דאָס לאַנד און באַוואַכט,
שפּרייזט מיט אַ ליב־שטראַלנגען בליק
אַרום אױף דער זילבערנער בריק,
וואָס הייגט אױף אַ גילדערנער שטריק.

אַליין איז ער דאָרטן, אַליין,
ס׳קומט קיינער אַהין ניט צוגיין,
בלויז אױף די אַקסלען די צוויי
טויבן צוויי ווייסע ווי שניי,
ווי אַט־ערשט געפאַלענער שניי.

אַמאָל, אין אַ קעלט, אין אַ פראָסט,
האָט אַן אָדלער אהין זיך געלאָזט,
דערזען האָט זיין אָדלער־בליק צוויי
טייבעלאך ווייסע ווי שניי,
— אָט וועט ער זיך קוויקן מיט זיי.

ער פליט און ער טראַכט פון זיין רויב:
אַ צובייס — אַ שניי־ווייסע טויב...
נאָר באַלד ווי ער האָט זיך דערנענט,
האָט אַ גילדערנע זון אים פאַרבלענדט,
און האָט אים די פליגל געברענט.

אַוועק איז דער אָדלער געשווינט,
אַזוי ווי געטריבן פון ווינט.
דער ריז מיט אַ פאַקל אין האַנט
וואַכט און ער היט נאָכאַנאַנד
דאָס שיינע, דאָס זוניקע לאַנד.

איינאונצוואַנציק

גלאָקן-קלאַנג

ס׳האָבן גלאָקן זיך צעקלונגען,
עמיץ האָט זיך וואו צעזונגען,
דאַכט זיך, אלע טאַנצן, שפּרינגען,
און די גלאָקן קלינגען, קלינגען.

היינט איז יום-טוב אין די גאַסן!
ס׳ציען מחנות מענטשן-מאַסן,
אלע שטיפן, אלע שפּאַסן:
ס׳ארא יום-טוב אין די גאַסן!

ס׳וואַרפט די זון מיליאָנען שטראַלן,
ס׳שלאָגן פריש די וואַסער-קוואַלן.
און אין לופטן, ווי ס׳וואָלט שאַלן:
„העי, די אלטע חורבות פאַלן!...“

קלינגען ווייט די גלאָקן-קלאַנגען,
הילכן לוסטיק די געזאַנגען.
ס׳איז א וועלט וואו אויפגעגאַנגען,
קלינגען, קלינגען גלאָקן-קלאַנגען.

צוויי־און־צוואַנציק

אַ גאַסן-בילד

באַם ראַג פון גאַס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט
מיט טיפע, שטאַרע בליקן,
ווי זי וואָלט דערבליקן אַ ווייטע וועלט:
אַף איר פּנים צער און ווייטיק אויסגעגאָסן...

אירע האָר — צעפּלאָסן
האָבן זיך געבימבלט פונעם ווינט,
און די ליפּן אירע האָבן שטיל געפּרעפּלט:
קינד, מיין טייער קינד...
נאָר אָט האָט זי גאָר שטיל געשוויגן
און מיט די הענט אין לופט גענומען וויגן,
פּלוצלינג ווי פון עפּעס וואָס דערוואַכט
האָט זי מאָדנע זיך צעלאַכט:
„כי, כי, כאַ-כאַ
האַ?...

אָ, ווי שיין.
קינד... דער גאַנצער ים איז דיין...
זעט, ווי כוואַליענדיק עס כוואַליען זיך די האָר צעפּלאָסן,
און אַלץ אַרום מיט לויטער זון און גאָלד באַגאָסן!
כאַ-כאַ-כי-כי,
איר זעט א פּראַכט?!
אַזוי אַט שווימט מיין קינד דאָרט אייביק, טאָג און נאַכט...

— — — — — — — — — — — — — —

מיט אַמאָל, האָט עמיץ זיך באַוויזן מיט א קוישל אין דער האַנט

און געגומען רופן: „באַבערס!״
קויפט-זשע באַבערס! — באַבערס! —
האָט זיין קול גערופן דורכאַנאַנד...

דאָס ליד פון ברויט

.1

מעל און וואַסער.
עך, מיין אַרבעט, מעל און וואַסער,
ווערט דערפון דאָס שײנע ברויט,
און איך ווער אַלץ בלאַסער, בלאַסער,
באַ דעם מעל און באַ דעם וואַסער.

טייג און פייער.
שווער די אַרבעט אומגעהייער
שאַפנדיק דאָס שײנע ברויט.
מעל און וואַסער, טייג און פייער,
עך, מיין אַרבעט אומגעהייער.

.2

ס'ברענט דער אויוון פייער־רויט
וואו איך שטיי און באַק דאָס ברויט,
איינגעשפּאַנט אין בעקער־יאָך,
טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך.

קנעט דאָס מעל און באַק דאָס ברויט,
און מיין אויוון גליט זיך רויט:
שיב דאָס ברויט אַריין, אַרויס
און מיין לעבן גייט דאָ אויס.

פיל מאָל אין דער שפּעטער נאַכט,
אַלעס איז פון שלאָף באַוואַכט,
גליט מיין אויוון דעמאָלט רויט
און איך וואַך און באַק דאָס ברויט.

שלאָפט און חלומט זיך די וועלט,
נאָר איך שטיי דאָ איינגעמעלט.
און איך אַרבעט שווער און מיד,
באַק דאָס ברויט און זינג אַ ליד...

.3

אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער
מיינע מידע הענט פאַרשאַרצט,
קנעט און באַק אַזוי כסדר,
איינגעמעלט, פאַרשוואַרצט.

קנעט און אַרבעט אויס די טייגן,
פאַלן מידע מיינע הענט,
דאַכט מיר אַז איך הער מיין שווייגן
פון די ווענט.

זע איך אָף די ווענט מיין שאָטן
פון דעם היטל ביז די שיך,
טראַכט איך, גאָר אין מיר געראָטן:
האָרעוועט פונקט ווי איך...

.4

אין דער בעקערייַ איז שטיל,
ס'גרילצט נאָר ערגיץ־וואו אַ גריל,
אַרבעט איך אַזוי און דרעמל,
שטיי און שאַף די פרישע זעמל.

פאַלן מײַנע אויגן צו,
חלום, חלום איך פון רו...
רופט מיך עמיץ — „מאַך די זעמל" —
און איך כאַפּ מיך אויף פון דרעמל.

קוק איך אום זיך וואו איך בין —
ווייס איך, שלאָפן האָט קיין זין...
נעם איך פלײַסיק זיך צום באַקן
אַז די פרישע זעמל קנאַקן.

.5

דורך די אײַנגעמעלטע שויבן
שײַנט אַרײַן דער בלויער מאָרגן.
גריסט צו אונדז די מאָרגן־בלויקייט:
„טאָג באַווײַזט זיך, טאָג באַווײַזט זיך".

נעמען הענער דרויסן קרייען —
קוקו — ריקו, קוקו — ריקו,
דאַכט זיך ווי ס'וואָלט אַלץ גערופן —
„טאָג באַווײַזט זיך, טאָג באַווײַזט זיך".

הערן מיר די ערשטע טריט שוין
דרויסן אַף די שטילע גאַסן.
רוישן וועגענער און קלאַפּן:
„טאָג באַוויזט זיך, טאָג באַוויזט זיך“.

הענגען אונדזערע אויגן־בליקן
אַף דער בלויקייט פון די שויבן,
ווי די בליקן פון מאַטראָזן
ווען די שיף קומט צו יבשה, —
לאַנד באַוויזט זיך — טאָג באַוויזט זיך...

.6

האָב מיין נאַכט געפּטר׳ט איצטער בין איך פריי,
שפּרייז איך מיד פאַרמאַטערט פון דער בעקעריי.

ס׳האָט אַף אַלע גאַסן העל דער טאָג דערוואַכט,
ס׳ציען מענטשן מאַסן, איך גיי מאַכן נאַכט...

ס׳וואַרט שוין מיין געלעגער גרייט פאַר מיר געבעט.
ווען ארט דער זייגער, ווען ארט ווי שפּעט?

אָפּגעבאַקן אַלעס, פּלייסיק זיך געיאָגט,
זעמל, ברויט און חלות, ביז עס האָט געטאָגט.

קומט דער טאָג בשלום, בין איך ניט קיין שקלאַף.
כ׳ליג אין שלאָף און חלום, חלום ווי א גראָף...

.7

די בעקעריי איז אויפגערוימט,
דער בעקער-אויוון צוגעמאַכט:
ס'פילט זיך פריש געבעקס אין לופטן
נאָך דער דאַנערשטיקער נאַכט.

ס'ליגט מיין חבר אין די קליידער
ברייט צעלייגט זיך אַפן „בענטש“,
און ער מורמלט האַלב פאַרשלאָפן:
— היינט בין איך אַ פרייער מענטש.

און ער מורמלט ווי פון חלום:
— עפּעס פילט זיך דאָ אַ רויך,
און ער נעמט און קערט זיך איבער
מיטן רוקן אין דער הויך.

און אַ צווייטער שטייט און דרעמלט,
שמייכלט דרעמלענדיק זיך צו,
און עס וואַכט מיט אים דער חלום:
היינט איז פרייטיק, היינט איז רו!

און אַ דריטער פייפט א לידל,
פייפט פאַרחלומט שטיל און קוועלט,
פרייטיק איז דעם בעקערס יום-טוב
פייפט דער בעקער אַף דער וועלט...

8.

שבת אויפדערנאַכט.
ס'ווערט דער בעקער־אויוון ווידער גרייט געמאַכט.
די יום־טוב קליידער ווערן אויסגעטאָן,
עס הויבט א נייע וואָך זיך אָן.
אַט, און ס'ווערן שוין די זעקלאך מעל געשאָטן
און עס ווערט שוין טייג געקנאָטן.
באַלד ווי עס פלאַקערט אויף דער אויוון רויט,
נעמט שוין שמעקן ס'פרישע ברויט.
און די אַרבעט גייט מיט אימפעט,
איינער יאָגט דעם צווייטן:
— אַרבעט, ניט געקלערט,
אַרבעט, זעסט דאָך אַז עס יערט,
גיכער, גיכער הויב די הענט!
קוקט מען, דאַכט זיך, אַז די אַרבעט ברענט...
איינער נעמט שוין מיט דער שאָול
ס'ברויט אַרויס מיט פרייד פון אויוון,
ס'גליט זיין פּנים פייער־רויטלאַך
און ער פרייט זיך — „שיינע ברויטלאַך",
ברויטלאַך שיינע ווי די טאָרטן
אויסגעוואַקסן ווי אין גאָרטן.
און די בעקער נעמען זינגען
ס'איז די אָנהויב־וואָך געלינגען.

9.

פון אַ קלײנעם פּראָסטן טײגל
מאַך איך אויף אַ רונדע בײגל
מאַך איך אײנע נאָך דער צװײטע.
ביז עס גײט אַװעק אַ שעה
האָב איך פֿול שוין בײגל דאָ,
צו דעם אויװן שוין געגרײטע.
שנעל װי ס'טרײבט זײ אויף דער הײװן,
לאָז איך מיך מיט זײ צום אויװן,
און איך נעם זײ שיבן, שיבן
װי פון װעמענס הענט געטריבן.
עד, די מוסקולן מײנע בריען,
נאָר די בײגל מײנע בליען,
מײנע בײגל שײן און רונד —
בענטש איך ליב מײן אַרבעטס־שטונד.

10.

שטויב.
שטײען מיר דאָ צװישן שטויב.
שטויב פון מעל,
שטויב פון קוילן און פון אַשעס:
שטײען מיר דאָ און מיר האָרעװען,

האַרעווען מיט פאַרשאַרצטע הענט,
און די מוסקולן אונדזערע גליען בײַ דעם בעקער-אויוון,
ווי דאָס פֿייער גליט און ברענט.

מיטן טאָג.
עס שפּילט דער זון-שײַן דורך א גרויער שויב,
שפּילן זיך ווי דינע זייד-געוועבן פאָסן שטויב,
ראָז און בלוילאך, פאַרב-קאַליריק אלערליי.
שפּילט אויך צו דאָס רויטע פֿייער פֿון דעם אויוון
קוקט עס אוים א שיינע שפּילעריי...

שטייען מיר אין שטויב דאָ און מיר שאַפֿן
ברויט און זעמל פאַר דער וועלט:
מיר די בלייכע, ווײַס אײַנגאַנצן אײַנגעמעלט,
מיר די מידע אויסגעבלייכטע מענטשן.
קוקט מען, ווי עס בליט דאָ אונדזער שאַפֿונג,
ווילט זיך אונדזער אַרבעט בענטשן.

צוויואונדרייסיק

אין דאָרף:

בּאַנאַכט אין דאָרף

.1

דער הימל א בלויער
מיט שטערנדלאך פיל;
די שטערנדלאך שווימען
פאַר'חלומ'ט און שטיל.

עס סוד'ען זיך זאנגען
און פרעפלען אין פעלד,
אַ ווינטעלע מורמלט זיך
לומטיק און קוועלט.

די געסעלאך שטילע,
די לאָדנס פאַרמאַכט,
און ס'חלומט אַ חלום
די וועלט און די נאַכט.

.2

קליינע הייזלאך,
שינדל דעכלאך,
פאַר די הייזלאך שטייען בוימער;
טויבן וואָרקען
אין די נעסטן
און אין געסל וואַכט אַ שומר.

אַף די שטילע
פייכטע פעלדער
ווייען אוונט ווינטלאַך קילע;
פרישע ווינטלאַך
הוליען, שטיפן
זאנגען זינגען אוונט תפילות...

3.

שלעפּט זיך א וואָגן ווייט, אַפ׳ן שאָסיי,
גייט זיך אין וואָגן אַ פערדל געשפּאַנט,
זיצט דאָרט אַ פּויער, די לייצעס אין האַנט,
טראָגט זיך זיין קול אין דער לופט נאָכאַנאַנד:
גניאַדע, גיי, גניאַדע, גיי.

סקריפּעט דער וואָגן זיך אַפן שאָסיי,
טראָגט זיך אַן עכאָ אין לופטן און פאלט
אַריבער דעם פעלד און אַריבער דעם וואלד,
מורמלט דער פּויער זיך: עך, עס איז קאַלט!
גניאַדע, גיי, גניאַדע, גיי.

ענטפערט פון ערגיץ אַ האָן מיט א קריי,
ווייסט שוין דער פּויער איצט ריכטיק די צייט,
שטעלט זיך אים פאַר דאַן זיין כאַטקע פון ווייט,
דרייט ער די בייטש אין דער לופטן און שרייט:
גניאַדע, גיי, גניאַדע, גיי.

זעקסאונדרייסיק

.4

ס'איז טונקל אַרום און אַרום,
אַרומגעהילט אַלץ פון נאַכטלאַכער רו,
עס הערט זיך צו צייט נאָר אַ קו
פון שטאַל אַרויס ערגיץ אַ ברום.

און ס'רייסט זיך אַ הונט אַף אַ קייט,
ער וואַיעט און וואַיעט אַזוי:
און ווייט אַף אַ סטאַיאַק מיט היי,
אַ שייגעצל שפּילט אַף אַ פליִיט.

ער שפּילט זיך אַ בענקענדיק ליד —
שטיל שווימען די טענער מיט ווײ
אַראָפּ פון דעם סטאַיאַק מיט היי,
און פאַלן זיך צאַנקענדיק, מיד.

.5

לאַנגזאַם דרייט דער ווינט די ווינט־מיל,
ס'גרילט אין פעלד זיך צו אַ גריל,
און אַ קוקו זינגט אין ווייט.

אַט שפּרינגט א־דורך אין פעלד אַ האָז
און ווערט פאַרשוואונדן אינם גראָז,
און דער אָוונט ווייט און ווייט.

זיבנאונדרייסיק

אַט גייט א וואַנדערער אַ־דורך,
שאַ, שטיל איז אַלץ, קיין פּיפּס, קיין שאָרך,
ס׳וויינט דער הונט נאָר אַף דער קייט.

.6

שטיל איז די נאַכט,
טיר און לאָדנס צוגעמאַכט;
אַף די פעלדער, אַף די הייזלאַך
רוט די דאָרפיש שטילע נאַכט.

ווייט פון אַ טאָל
בלאַנקט א טייכל זיך ווי שטאָל,
און די נאַכטלאַך בלויקייט שמייכלט,
שמייכלט איבער באַרג און טאָל.

און טיף פאַרטראַכט
דוכט זיך, קוקט אלץ מיט דער נאַכט,
איבער קליינע שינדל־דעכלאַך,
שווימט אין דאָרף די בלויע נאַכט.

.7

טונקל ברענען אין די געסלאַך די לאַמטערן.
אַלעס שלאָפט; אַרום איז רואיק, שטיל.
דאָ און דאָרט נאָר גרילצט וואו א גריל;
אפן הימל שווימען, שווימען זיך די שטערן.

שווימט די ליבע נאַכט אַ רואיקע, אַ שטילע;
קומט פון ערגעץ ניט קיין פּיפּס, קיין שאָרך;
שפּרייזט אַ וועכטער נאָר די געסלאַך דורך;
קניט דער הימל אויף די פעלדער אין אַ תּפילה...

שלאָגט אַ זייגער ערגעץ אוים די שעה'ן־קלאַנגען;
מעקעט אין אַ שטאָל פאַרבענקט אַ קו;
עמיץ פרעגט זיך: „וויפיל איז די שעה?"...
ענטפערט אָפּ אין פעלד אַ ליד פון קאָרן־זאַנגען...

8.

גייט אין מזרח אויף די זון זיך,
גליט דער הימל פּורפּור־רויט.
נעמט דאָס גאַנצע דאָרף דערוואַכן
פול מיט פרייד.

ווערן טירן אויפגעריגלט,
ווערן לאָדנס אויפגעמאַכט;
שווימט די זון אַרום אין הימל
ווי פאַרטראַכט.

איינער נעמט זיך צו דער גראַבליע,
איינער טרייבט אין פעלד די שאָף,
און מיט פרייד דערוואַכט אַרום אַלץ
פון דעם שלאָף.

אַף בּלויע וועגן:

מיין בלויע טויב

כ'האָב אַרויסגעשיקט א בלויע טויב,
איז זי ווייט און ווייט געפלויגן;
איז מיין בלויע טויב צוריקגעקומען
בלינד, מיט אויסגעפּיקטע אויגן.

פלאטערט אום מיין בלויע טויב א בלינדע
אין מיין געסל אַף א מויער,
פלאַטערט אום מיין בלויע טויב און ווייטיקט
מיט איר טויבן־שטילן טרויער...

און דער בלויער, שטילער טויבן־טרויער
רייפלט זיך פאר מיר און רייפלט,
ווי עס פלאטערט אום מיין בלויע טויב א קראנקע,
פאָכ'ט מיט אירע פליגעלאך פארצווייפלט...

דרייאונפערציק

האָפנונג

האָפנונג מיין שפּילעוודיקע,
ווי אַ אינגל אַ פאַרבענקטער,
וועלכער האָפט און בענקט
אין אַ שטילן בין השמשות.
האָפט און בענקט צוזאַמען.
גיי איך אום אַ שפּילעוודיקער
איבער וועלטן פרייע, ברייטע,
וועלטן ווייטע.
אָפטמאָל טראָג איך גאָר זיך איבער ווייטע
שטורמדיקע ימ'ען
און צעצינד אַזוי זיך שפּילעוודיק
די ווייסע, רייזנדיקע וואַסער-בערג אין בלויע פלאַמען
און פאַרגעס מיין אומעט און מיין טרויער
און איך שווים אַזוי זיך
מיט מיין שפּילעוודיקער האָפנונג דער בלויער.

פיראונפערציק

שפּילנדיק מיין מאַנדאָלין

שפּיל איך אַף מיין מאַנדאָלין,
ציטערן די קלאַנגען;
טענער טיף און טענער דין,
ווי זיי וואָלטן וואָס דערציילן,
נאָר עס איז א סוד אַ גרויסער,
דאַרף מען דאָס פאַרהוילן.

דורך די צימבלדיקע קלאַנגען
וויקלען זיך מיין צער און טרויער,
ווי די שיפּענדיקע שלאַנגען,
שלענגלען זיך אהין, אהער.
דורך די פלאַטערדיקע טענער
צוקט מיין בענקשאַפט,
שפּילט מיין האָפנונג.
ווערט אלץ פאַרביקער און שענער
דורך די טענער טיף און דין,
ווען איך שפּיל מיין מאַנדאָלין.

פּינפּאָנפּערציק

זינד

זינד, מיין זינד,
איך דין צו דיר,
דו ביזט מיין הייליקטום געוואָרן,
כ׳האָב די גלויבנס אַלע אָנגעוואָרן.

זינד, מיין זינד,
איך האָב דיך דערהויבן
צו מיין שענסטן, העכסטן גלויבן
און איך לייטער זיך אין זינד,
אַ גלויביק קינד.

לויב איך און איך זינג צו דיר,
זינד, מיין זינד.

זעקסאונפערציק

***

די נאַכט איז שטיל.
און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
זינגט ערגעץ שטיל פאַרבענקט א האַרץ,
די טענער שווימען אין דער לופט
און צאַנקען ווייטיק פאַרבענקט,
און אין דער ווייט אַן עכאָ רופט.
דער קול איז מיר אַזוי באַקאַנט,
ער ציט אַזוי און רופט געהיים
אין ווייטן, ווייטן האַרזיאַנט,
און שטיל אַזוי זינגט מיט מיין האַרץ,
מיין מיד האַרץ...

פלאַטערדיק

בענקשאַפט מיינע,
ווי בענק איך איצט נאָך דיר.
נאָך דער בענקשאַפט פון אַמאָל:
אָפט באַווייזטו זיך פאַר מיר, ווי אין חלום:
אַ שמעטערלינג מיט אַן אויסגעריסענעם פליגל.
אויף און אָפּ.
אויף און אָפּ.
פלאַטערסט ערגיץ איבער פעלד און טאָל.
בענקשאַפט.
גלוטנדיקע,
זינגענדיקע אומרו מיינע — —.

אַכטאונפערציק

צוויי בילדער

.1

ווייט דער טרויער דרויסן
איבער מיינס א שכנ'ס טיר.
פּאַכט דער טרויער איבער מיר.

מענטשן שפּרייזן שטיל געבויגן,
ווי מיט אָפּגעציילטע טריט,
און זיי זיפצן: „היט אונדז, היט...“

און פון אלעמענס געזיכטער
בליקט אַרויס דער טיפער פּיין:
„ס'וועט מיט אונז אַזוי אויך זיין...“

ס'איז אַ לעבן אויסגעגאנגען,
שפּרייזט מען שטיל אַראָפּ, אַרויף.
ס'ווייט אַרום אַלץ מיטן סוף...

2.

ווייט די ווייסע פרייד אין דרויסן
באַ אַ צווייטן שכנ׳ס טיר,
גרייכט די פרייד אריין צו מיר.

ס׳איז אַ אינגעלע געבוירן,
שמייכלט אַלעם ליב און ווינקט,
און אַרום אַלץ דוכט זיך זינגט...

און אַרום פון יעדן ווינקל
קוקט אַרוים די שטילע פרייד —
ס׳ווייט די יונגע לעבנס-פרייד.

אַ פרימאָרגן

בין באַם פענצטערל געשטאַנען,
האָב אין גאַס אַרויסגעקוקט.
בלויאלאַך איז געווען דער הימל,
ס'האָט אין דרויסן שוין געטאָגט.

ס'איז דער סטרוזש אַרומגעגאַנגען
מיטן בעזים און געקערט,
און דאָס געסל אויסגעקוקט האָט,
ווי פאַרדרעמלט און פאַרקלערט...

קעגנאיבער באַ א שכן
האָט געוויינט א קינד;
און אַ הוסטן דורך אַ פענצטער
האָט פאַרמישט זיך מיטן ווינד.

ערגעץ אין דער ווייטער ווייטקייט
האָט א מילך־וואָגן געררוישט —
אַזוי האָט דאָס מאָרגן־ליכט
מיט דער נאַכט זיך אויסגעטוישט...

מיינע פערל

רייצנד רופט דאָס לעבן,
רופט מיך אין פאַרפירערישן טאַנץ,
גיי איך נאָך דעם גלאַנץ.

כ'האָב ליב דעם רייץ פון אַלץ וואָס איז פאַרבאָטן,
ווי בלויע פינקלדיקע פערל און קאָרעלן,
וואָס עמיץ האָט אין בלויע נעכט צעשאָטן,
וואַנדער איך אַזוי זיך צווישן די פאַרפירערישע פאַרבן
קינדעריש און גליקלאַך,
און קלייב די פערל און קאָרעלן
צעפיצלענדיק דאָס לעבן מיינס אַף שטיקלאַך...

צוויאונפופציק

מלחמה-לידער

זאָגט מיר אַמאָל מיין רעדאַקטאָר: —
„וואָס שרייבט איר קיין ליד פון מלחמה?
אויב איר קאָנט אַזעלכעס ניט שרייבן,
דאַן האָט איר קיין דיכטער-נשמה.

„ווי קאָן דאָס אַן אמת'ער דיכטער,
וואָס האָט נאָר אַ האַרץ, אַ נשמה,
ניט קאָנען אין פערזן באַזינגען
די איצטיקע גרויסע מלחמה“.

און ווייטער: איר זייט ניט קיין דיכטער,
איר זינגט אַלץ פון ליבע, פון בענקונג,
אַז ס'האָבן אייך מיידלאַך באַטראָגן,
טאָ דאַרף וועך דאָס ווייסן אייער ׳קרענקונג?

עס האָבן די ווערטער געטראָפן
מיין האַרץ, ווי אַ פייל פון אַ בויגן.
דעם אמת: איך האָב דאַן געהאַלטן
אַרונטער צו דר'ערד מיינע אויגן.

נאָר פלוצלונג עס האָט מיין נשמה
אין בלוטיקן שלאַכטפעלד דערפילט זיך.
מיין אמתע דיכטער־פאַנטאַזיע
זי האָט אַזוי רייך מיר צושפילט זיך.

דערזען האָב איך פיל, פיל הרוגים,
און פעלדער, פאַרבלוטיקטע, רויטע...
געפרעגט האָב איך באַלד מיין רעדאַקטאָר:
„וואָס צאָלט איר פאַר לידער פון טויטע?"...

דאָ האָט זיך פאַרטראַכט מיין רעדאַקטאָר,
און טיף געקנייטשט זיך דעם שטערן,
און האָט מיר גענומען גאָר פשוט
מיט פשוטע ווערטער דערקלערן:

„אַ פרייז ווילט איר ווימן?
ניט זאָרגט זיך, מיר וועלן שוין געבן,
דער עיקר: איר מאָלט נאָר די טויטע
אַזוי, ס'זאָל זיך דוכטן זיי לעבן!..."

פיראָונפּופּציק

אין פארנאכטן

אין פארנאכטן, ווען די זון פארגייט,
אין פארנאכטן, ווען דער אוונט ווייט,
גיי איך אפט זיך אום פארטראכטערהייט
און טראכט פון מיין פארגאנגענהייט,
וואס איז פארגאנגען זיך אזוי אויך ווי דער טאג פארגייט,
אוועק אזוי זיך אומבאמערקטערהייט.

און ס'דוכט זיך מיר, אז אין דער ווייט,
וואו ס'האלט דער הימל דארט פארשפרייט
דאס זילבער-בלויע חופה-קלייד,
אז ס'בלאנדזשען דארט ארום צעזייט
שטיקלאך, פון מיין ווייסער יוגנט-פרייד.

***

שײנע, לעצטע זונען־שטראַלן
פֿון די לעצטע זומער־טעג,
אױ, װי אומעטיק זײ פֿאַלן
אַף מײַן װעג.

שײנע, לעצטע זונען־שטראַלן
פֿאַלן אַפֿן גראָז און פֿעלד.
שאַ... די אָסיען טענער פֿאַלן
אַף מײַן װעלט.

לידער-בלעטלאך

שיינע, ווייסע לידער בלעטלאך,
ווייסע ווי דער שניי;
אף די שיינע, ווייסע בלעטלאך
גים איך אוים מיין וויי.

אף די שיינע, ווייסע בלעטלאך
בענטש איך און איך שעלט.
פון די קליינע שווארצע שורות,
וויינט ארוים מיין וועלט...

אין וועג

אין אַ ווינטער טאָג אַ כמאַרנעם,
ס'האָט געשנייט דאָן און גערעגנט,
האָב איך שטיל מיין היים פאַרלאָזן,
אין געהיים זיך אָפּגעזעגנט.

כ'בין דעם גרעניץ שטיל אריבער,
דורך אַ פינצטערע נאַכט געגאַנגען;
ס'האָט באַגלייט מיך ווי אַן עכאָ
שווערע טריט און שפּאָרן-קלאַנגען.

טרויעריק האָט דער ווינט געיאָמערט,
ווי ער וואָלט דאָן קינות קלאָגן,
און עס האָבן ווילדע שטימען
אין דער לופטן זיך געטראָגן.

איינזאַם האָב איך דאָן געוואַנדערט
דורך די טיפע נאַכט-טומאַנען;
און עס האָט דער ווינט געיאָמערט,
ווי ער וואָלט מיין האַרץ פאַרשטאַנען...

אָבטאָונפּופּציק

***

זיבן שטילע צימערן,
אכט-און-צוואנציק ווענט:
שפאן איך אום אן עלנטער
אין מיינע זיבן צימערן.
קוק איך עלנט אף די אכט-און-צוואנציק ווענט.
זע איך, ווי פון יעדן ווינקל
שווימט ארום מיין ווייסער חלום,
מיין חלום וואס פארגייט,
אזוי זיך שטילערהייט.
כ׳האב מיין ווייסן חלום אנגעצונדן,
שטיי איך איצטער פאר׳ן קבר
פון מיין שיינעם, ווייסן חלום.
הער איך דאס געוויין פון מיין נשמה,
דורך די ווינקלען פון די ווענט:
מיין ווייסער חלום ברענט.
עך, מיין ווייסער חלום ברענט...

אין דער שטילער אָוונט-שעה

אין דער שטילער אָוונט-שעה
ליג איך אױף מײן בעט און רו,
װאַכנדיק, די אױגן צו,
בלאַנדזשעט מײן נשמה װאו.

קײנער איז אין שטוב ניטאַ,
װאָך איך אײנזאַם מיט מײן רו,
טראַכט איך: ערגעץ װאַנדערסטו
איצטער אין דער אָװנט-שעה.

פרײד מײן װאָס איז מער ניטאַ,
גיט מיר קײנמאָל ניט קײן רו,
ס׳זינגט דער עלנט מיר „ליו-ליו״
אין דער אָװנט-שעה...

איזאדאָרא דאָנקאַן

דאָנקאַן.
דיין נאָמען טאַנצט פאַר מיר אַרוים
דורך פיל־קאָלירטע שלייערן,
און ס'וויקלען זיך די שלייערן אין ליכט,
אין ליכט פון לאָמפּן־גלאַנץ און טאַנץ,
און ס'פלעכט זיך אוים ווי אין אַ קראַנץ דיין נאָמען:
דאָנקאַן.

דאָנקאַן, דו האָסט דאָס לעבן אויסגעטאַנצט
ווי אין אַ זומער־טאָג אַ שמעטערלינג אויף בלומען,
און אין שפּילעוודיקן פלאַטער ביזטו אומגעקומען.

⁂

עס האָט דיין מאַמע־לאַנד קיין צופיל ליבע נישט פאַר דיר
פאַרמאָגט,
ווייל האָסט ניט צוגעטאַנצט צום לאַנד פון קאַפּיטאַל...
דאָך שטאָלץ האָט זיך דיין טאַנץ געטראָגן

איבער ברייטער, ווייטער וועלט,
ווי די אָדלער־פליגלען דורכן פרייען, ברייטן רוים...
איצטער האָסטו אויסגעטאַנצט דעם טויטן־טאַנץ,
פאַרוויקלט דיין אָריענטאַל־שאַל ארום דיין האַלדז...

⁂

אַ גאָלדיקער סעפּטעמבער אָוונט,
אין חודש ווען עס גאָלדיקט אַלץ דורך באַרג און טאָל,
אין די זעלבע טעג כמעט ווען ס׳האָט דיין מאַמע־לאַנד־
גענזעץ דערמאָרדעט לעבנס צוויי:
סאַקאָ און וואַנזעטי,
האָסטו אַף פראַנקרייכס אָונטיקע בלויע גאַסן
אויסגעטאַנצט דעם שווידערלאכן טויטן־טאַנץ,
דעם טויטן־טאַנץ פון איזאַדאָרא דאַנקאַן...

עבאס:

די שוואַן

עס האָט די שוואַן צעזונגען זיך
דאָס שענסטע ליד פון לעבן, —
ס'ליד פון טויט.

אין אַ בלויע נאַכט, אַ שטילע,
האָט דאָס אומשטערבלאכע טויטן-ליד
געוויגט זיך אין דער לופט:
און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זינגענדיק, אין מיטן ליד —
האָט זיין שוואַנען האַלדז גענידערט
אַף די ווייסע פליגל זיינע...

אַן אַלטע מעשה'לע...
נאָר אָט אַזוי
וועט פאַרגיין אַמאָל מיין ליבע צו דיר,
דו פּשוט, פרויענהאַפטע פרוי.

פינפאונזעכציק

ווי די שלאַנג

ווי די שלאַנג וואָס דערהרגעט,
אירע קינדער באַם געבוירן ווערן,
וויל איך אָפּט אַזוי דערשטיקן
די געדאַנקן מיינע וועגן דיר.

נאָר זיי צעלאָזן זיך אַריבער מיר.
און צעפליען זיך אַרום מיין שטוב
ווי אַ מחנה ווייסע טויבן.
און זיי פאָכען מיט די ווייסע פליגל איבער מיר.
טראַכטנדיק פון דיר.

זעקסאונזעכציק

איך האָב פֿאַרבראַכט...

האָב אָנגעטאָן מיין יום-טוב קלייד
און יום-טובדיק צום טיש געגרייט;
מיט ווייסע ליכט, מיט רויטן וויין.

האָב אַפֿן טיש דיין בילד געשטעלט,
און אַלץ אין שטוב האָט אויפֿגעהעלט
מיט ווייסער פרייד.

און שטיל אַזוי האָב איך פֿארבראכט
מיט זיך אליין ביז שפּעט אין נאַכט
באַם ליכט, באַם רויטן וויין.

אַזוי פֿאַרוויג איך אָפּט מיין צער,
ווי ס'שפּילט דער ארלעקין דעם נאר...

זיבנאונזעכציק

אַזוי, אַזוי...

ביידע — איך און זי האָבן שטיל געשוויגן,
נאָר קולות האָבן אין דער טיפעניש געשריגן:
„וואָס וועט זיין?- וואָס וועט זיין?- —
שטומער פיין.

בין אַרונטער פון די טרעפּן
און געלאָזט זיך דורך די גאַסן,
און אומעטום האָט מיר דאָס שווייגן נאָכגעשריגן.

האָב אַזוי אין צווייפל אומגעוואַנדערט,
די הענט פאַרשטעקט אין מיינע טאַשן,
דעם קאָלנער פון מיין מאַנטל אויפגעשטעלט
און צו זיך אַליין גערעדט:
„אַזוי, אַזוי...
אַזוי, אַזוי מיין וועלט...“

אַכטאונזעכציק

***

כ׳הער אַפֿט אימיצן באַם טיר
מיט געבעטן:
עפֿן מיר, אַ, עפֿן מיר;
כ׳האָב געזינדיקט ׳קעגן דיר,
בעט איך דיך: פֿאַרגיב עס מיר.

„ס׳האַלט מיין זינד מיך איצט באַוואַכט,
אימער, אימער,
סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט
גייט מיין זינד מיר נאָך באַזאַכט
און זי שפּאַט פֿון מיר און לאַכט...“

מיט געהיימניפֿולע טריט,
שטיל און לאַנגזאַם;
שפּרייזט זיך עמיץ מאַט און מיד,
און אַט מורמלט ווער און קניט
שעפּטשענדיק אַ תּפֿילה־ליד...

נײַנאונזעכציק

כ'קאָן דיר גאָרניט, גאָרניט געבן,
ניט קיין דימאַנטן, קיין רינגל,
נאָר מיין הייסע, טרייע ליבע,
ווי אַן אָרים אידיש אינגל.

ווי אַן אָרים אידיש אינגל
וועל איך אַלעס מיט דיר טיילן. —
מיינע פריידן, מיינע ליידן
ווי אַ קינד פאַר דיר דערציילן.

ווי א קינד אַ שטיל-פאַרבענקטס,
וועל איך זיך דיר איבערגעבן,
און דו וועסט מיר העלפן טרוימען
פון א בעסער, שענער לעבן...

***

איך בין אָרים, דו ביזט אָרים;
איך בין עלנט, דו ביזט עלנט,
ווי די שיפלאַך אין א שטורעם.

ביידעליידן מיר אינאיינעם;
חוץ מיין ליבע און דיין ליבע
האָבן ביידע מיר דאָך קיינעם.

טעג פון מונטערקייט און אומעט
טעג פון פריידן, טעג פון ליידן —
ציען מיר צוזאַמען תמיד.

ווי צוויי שיפלאַך אין אַ שטורעם,
וואָגלען ביידע מיר און האָפן,
באַ דעם עלנט אַפ׳ן אָרעם.

איינאונזיבעציק

בענקשאַפט

טראַכסטו אויך נאָך וועגן פון מיר?
בענקסטו אויך ווי איך נאָך דיר? —
עפנט ווער אַמאָל מיין טיר,
דאכט מיר, אז דו קומסט צו מיר.

קומסט זיך אויסגעפוצטערהייט,
שיין, אין לויטער ווייס געקליידט,
פול מיט ליבע, פול מיט פרייד,
ליבע, ווייסע, יוגנט־פרייד.

צוויואונזיבעציק

אורעלא

שיין איז געווען מיין ליבע צו דיר —
אורעלא.
נאָר שענער איז איצטער מיין בענקן נאָך דיר,
אורעלא;
ווי ס'פלאטערט דער שמעטערלינג אום בא
דעם ברענענדיקן ליכט,
פלאַטער איך אום מיט מיין בענקען
און פרעפל:
„אורעלא, דו וועסט שוין ניט קומען —
און טוליע מיך קינדעריש ליב צו מיין אומעט,
און בענטש דיך און מורמל דיין נאָמען:
„אורעלא, אורעלא".

דאָס געזאַנג פון ליבע

(אַ מעשה'לע)

דאָס מעשהלע דערציילט זיך אָט אַזוי:
עס איז אַמאָל געווען אַ פרוי;
אַ פרוי, אַ פשוט'ע, מיט בלאָנדע האָר
וואָס האָט, ווי פיל פון זיי, פאַרלייקנט אירע יאָר;
אַ פרוי, וואָס האָט געקאָנט דורך טעג און וואָכן,
וואַשן און אויך קאָכן
רואיק און בנעימות
אַ גוטן באָרשטש, אַ פעטן צימעס.
און טיילמאָל אויך באַווייזן וואונדער
וואָס ס'וואָלט דער שטאַרקסטער מאַנסביל ניט געקאָנט —
ווי אָט, צום ביישפיל: — האָבן קינדער —
בקיצור, ווי כ'דערצייל אייך דאָ אַזוי,
דאָס איז געווען אַ פּראָסטע, פּרויענהאַפטע פרוי.

פּיראָונזיבעציק

איינמאָל האָט זי מיט א דיכטער זיך באַקאַנט,
אַזוי זיך, אים געגעבן בלויז די האַנט.
זייט דאַמאָלט איז מיין דיכטער אומגעגאנגען און געבענקט,
און האָט אָף „ליבעס-ווייען" נאָר געקרענקט:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„אַ, געטין מיינע" — פלעגן זיינע לידער קלאָגן,
„דו זיסער מלאך, כ'בין פאַרצווייפלט און צעטראָגן...
„אָן דיר איז מיר די וועלט א תפיסה,
„אויב דו זאָגסט ניין, טו איך מיר אָן א מיתה".
דער דיכטער קלאָגט נאָך אלץ זיין ליבעס קלאָג.

פינפאונזיבעציק

די ציימונגס-שפּאַלטן אויקען נאָך ביז היינט,
און וועלן אייביק אויקען שוין, מיר שיינט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי, אַזוי,
דאָס האָט אונדז אָפּגעטאָן אַ פרוי,
אַ פרוי, אַ פּשוט'ע, מיט לאַנגע האָר,
וואָס האָט, ווי פיל פון זיי, פאַרלייקנט אירע יאָר,
וואָס וואָלט געקאָנט אַן אייביקייט פון טעג און וואָכן
וואַשן, רוימען, קאָכן
רואיק און בנעימות
אַ גוטן באָרשט און אויך אַ פעטן צימעס,
און טיילמאָל גאָר באַווייזן וואונדער
און — האָבן קינדער.

זעקסאונזיבעציק

אַליין

פאַררינגלט האָט ער הינטער זיך די טיר
ס'זאָל קיינער אין דער שטוב אַריין ניט קומען,
און שטיל, די הענט אין טאַש אַריינגענומען,
און אָט אזוי האָט ער געטראַכט פון איר.

און שטיל גערעדט: „אַזוי, אַזוי מיין וועלט",
און טרערן האָבן אים גענומען שטיקן.
און מיט פאַרצווייפלט טרויעריקע בליקן
באַם וואַנט, וואו ס'הייגט איר בילד, זיך אָפגעשטעלט.

און לאַנג איז ער אַזוי פאַרטראַכט געשטאַנען.
דאַן האָט ער לאַנגזאַם זיך גענומען שפּאַנען,
ווי איינער בלאָנדזשעט זוכנדיק א טרייסט.

און פּלוצלונג איז ער ווידער שטיין געבליבן
און עפּעס אין זיין טאָגבוך איינגעשריבן.
און צו דער וואַנט געפּאַכעט מיט א פויסט...

זיבנאונזיבעציק

אַ ווייסע נאַכט

עס זילבערט זיך אַ ווייסער, פּערלדיקער שניי.
כ׳האָב מיין פּאַלטאָ־קאַלנער אויפגעשטעלט און גיי,
איך גיי און טראַכט.
עס זילבערט זיך ארום די ווייסע נאַכט;
גיי איך מיט געציילטע טריט
און באַ מיין זייט גייט מיין האַרציק־בלאָנדע מיט.
מיר דאכט, אז אַלץ אַרום זינגט מיט אונדז מיט
מיט יעדן טריט,
אַ ליד...
אַ ליד פון ווינט,
אַ ליד פון פראָסט און אייז און קעלט,
און ס׳ווערט מיר ליב אַזוי די ווייסע, ווינטערדיקע וועלט.
איך — און ווינט און שניי,
איך און זי און פראָסט און אייז,
און איבער אונדז — אַ הימל קלאָר און בלוי.
מיר דאכט זיך אויס, אז אַט־אַזוי
גייט אויף אַ יונגע וועלט אין ווייסער פרייד
פלאַטערנדיק,
בלימן־ווייס און יוגנט־טוי...

איך און ער

גליקלאך בין איך מיט מיין ליבסטער,
מיט מיין ליבן ליבעס-בונד;
בין איך אָבער דאָך אומגליקלאך,
ווייל מיין ליבסטע האָט א הונט.

זיצט זי תמיד אין איר וויג-שטול
און זי האַלט אים אויף די הענט;
קוק איך מיט פארדרוס און אייפער
אויף דעם הונט — מיין קאָנקורענט...

נייגאונזבעציק

שוואַנען-ליד

ק ר אַ נ ק ע ר.
אַ י י נ ע ר פ ו ן נ ע פּ ל.
פ ר ו י.
אַ פ ר ו י ע ן-ג ע שׂ ט אַ ל ט.

קראַנקער:

באַם ראַנד פון טייך טרעפּלאך, שטיינערנע, געפּלאַסטערט,
קיינער איז ניטאָ, נאָר איך און זי,
אין שפּיגלדיקן טייך, איך און זי,
ציטערט, ציטערט מיין נשמה איצטער,
וויינענדיק אין מיר נאָך יענער אָוונט-שעה.

פ ר ו י:

ווי שיין דער טאָג איז היינט,
זון און גאָלד אַף אַלע שויבן,
זע, זון שפּילט זיך אַף דיין ווייסן בעטל,
דרויסן בלישטשעט שניי, שניי ווי פּערל.

קראַנקער:

טו מיר אָן מיין ווייסע העמד,
טו מיר אָן מיין שיינעם בלויען שלייף,
פיר מיך צו דעם פענצטער,
כ'וויל איצט אַזוי זיצן, קוקן,
אָפּן ווייסן דרויסן;
מיר איז אַזוי גוט אַצינד.
עד, ווי שיין מיינע ברענענדיקע בריקן זיינען.
אויסגעהלומטער רויט גאָלד און ווייסע פערל וויגן זיך
אין דער לופט...

איינער פון נעפּל:

פאַרברענטע בריקן זיינען פאַרגאַנגענהייט,
צוריק — איז טויט, פאַראויס — לעבן.

קראַנקער:

פאַראויס — טויט, צוריק — לעבן,
הינטער מיר, יאָגט א פרילינג טאַנץ.

דער פון נעפּל:

פאַנטאַזיעס פון קראַנקע,
אַזוי טראַכטן קראַנקע.

קראַנקער:

כ'ווייס, קראַנקע זעען דעם אמת...
יאַ, צוריק איז לעבן, פרילינג־טאַנץ,
פאַראויס — נעפּל, און אין נעפּל — קולים,
נאָך אַ הינק און נאָך אַ הינק...
מענטשן האָבן עס פאַרשלייערט מיטן נאָמען האָפנונג...

דער פון נעפּל:

צוקונפט, אַלע מוזן גלויבן אין אַ צוקונפט,
צוקונפט איז דער צויבער פון ווייטן, אומבאַקאַנטן גליק.

קראַנקער:

(שמייכלט). אַלע מענטשן מוזן קרענקען אויף אַ חלום,
מיין זיידנס חלום איז געווען — גן עדן.

דער פון נעפּל:

אַנדערע מענטשן טרוימען ניט גן עדן,
נייע וועלט, אויפגאַנג, אויפברויז.

קראַנקער:

(שמייכלט). אויך אַ מין גן עדן...
צוויי פּריינט האָב איך,
לעבט איינער פון פרעדיקן נייע וועלט,
דער צווייטער שטאַרבט טרוימענדיק נייע וועלט.
מיין זיידנס גן עדן.

דער פון נעפּל:

(בייז). ציניקער! קראַנקער...

קראַנקער:

(שמייכלט). שרעק דיך ניט אַזוי....
נייע וועלט מיט אַלטע קולים,
צעקראַכענער ניט דערלעבטער לעבן,
טריפּ-טראַפּ, טריפּ-טראַפּ...
צוקונפט, אַ פאַרהאַנג וואָס עפּעס אַ ניט-גוטער
האָט פאַר דער מענטשהייט אויפגעהאַנגען...
ווען ניט דער פאַרהאַנג, וואָלטן מענטשן געלעבט אָדער געשטאָרבן...
שיין איז לעבן וואו לעבן לעבט אליין אָן צוטראַכטענישן...
שיין איז יוגנט, דאָרט וואו לעבן ברויזט פון זיך,

אַן צוקונפטיקע וועלט...
שיין איז די עפּאָכע פון דער יוגנט,
אַפילו יונגער טויט איז שיין...
יונגער טויט איז ווייס...
יונגער טויט דערמאָנט אין אַ ווייסע טענצערן
וואָס פאַלט טאַנצנדיק...
יונגער טויט דערמאָנט אין אַ מעשהלע,
דאָס מעשהלע פון שוואַנען ליד,
דאָס אומשטערבלאַכע טויטן ליד
פון דער שוואַן וואָס שטאַרבט אין מיטן זינגען...

דער פון נעפּל:

(אָפּ, און מורמלט). טויטן־זיג.

פ ר ו י:

(באַווייזט זיך, גלעט מיט אירע פינגער קראַנקנס האָר): ווי פילסטו?

קראַנקער:

זייער גוט.
גיב מיר מיין גיטאַרע, כ'וועל עפּעס שפּילן.

(פרוי ברענגט אים די גיטאַרע, זעצט זיך נעבן אים, קוקט מיט אַ ליבן בליק און דרימלט איין אונטער די שטילע גי־טאַרע־טענער).

פרויען געשטאַלט:

(באַווייזט זיך אַנגעטאָן אין ווייסע זומערדיקע קליידער מיט שוואַרץ, געשווירענע האָר, האַלט אין איר האַנט אַ בוקעט מיט רויט-שפּראַציקע בלומען, מיט וועלכע זי שפּילט זיך שטיפעריש און לאַכנדיק).

קראַנקער:

(פרעפלט פאַרטראַכט): בייטן בלומען, בלויער אָוונט און
א שפּיגלדיקער טייך.
ווייסע טרעפלאַך, שטיין געפלאַסטערט,
קיינער איז ניטאָ, נאָר איך און זי,
אַף די טרעפלאַך — איך און זי,
אַפן טייך — איך און זי
אין בלויען קאָסמאָס,
קאָסמאָס פון אַ בלויען אָוונט,
קאָסמאָס פון אַ בלויער יוגנט.
ציטערט, ציטערט מיין נשמה, וויינענדיק אין מיר נאָך
יענער אָוונט שעה.
(שלאָפט איין פרעפלענדיק).

אין מיין גאָרטן

(אין פאָלקס־טאָן)

אין מיין גאָרטן האָט געבליט,
האָט געבליט דער רויטער מאָן;
האָט מיין גאָרטן איצט פאַרבליט,
קומען גרויע הערבסט־טעג אָן.

אין מיין גאָרטן פלעגן אָפט
פייגל זינגען פריש און פריי —
איך האָב מיטגעבליט, געהאָפט,
ווי אַ בלום אין חודש מאַי.

עך, געוואָרן איז אַ תל,
ס'האָט מיין גאָרטן אָפּגעבליט —
גראָז, בלעטער קראַנק און געל
און קיין פויגל זינגט מער ניט.

אַז קיין פויגל זינגט ניט מער,
קומען גרויע הערבסט־טעג אָן,
זיץ איך עלנט און איך קלער,
בענקענדיק נאָך רויטן מאָן...

זעקסאונאַכציק

ווייטע עכאָס

יוגנט־יאָרן, קינדער יאָרן,
פול מיט האָפנונג און גלויבן,
און א האַרץ מיט יוגנט טרוימען,
ריינע, ווי די ווייסע טויבן.

זיינען טרוימען זיך פאַרפלויגן,
און דער גלויבן אויסגעגאנגען.
טראָגט זיך אום מיט טיפער בענקונג
שטיל, אַ האַרץ מיט יוגנט־קלאנגען...

טעג פון קינדהייט, טעג אָן זאָרגן
וואַכן אויף אין מיין זכרון,
ווען כ׳דערמאָן זיך אין מיין שטעטל,
און די ליבע קינדער יאָרן.

יעדעם געסל, יעדע לאָנקע,
יעדן וועג און יעדעם הייזל;
כ׳זע דאָס בריקל, וואו מיט עפל
האַנדלט די אלמנה רייזל.

זיבנאונאַכציק

גיי איך מיר פאַרביי פון חדר,
גיי איך צו און קויף אַן עפּל,
גיב איך איר אַוועק דעם גראָשן,
גיט זי מיר אַ גלעט אין קעפּל:

„ביז אַ וואוילער, שיינער אינגל,
זאָלסט נישט ביי א צווייטן קויפן“.
האַלט איך אין מיין האַנט דעם עפּל
און איך לאָז מיך ווייטער לויפן.

אַט שטיי איך שוין פאַר׳ן בית-המדרש,
ס׳פליען אום דאָרט ווייסע טויבן;
און עס קלינגט דער גמרה-ניגון
דורך די ווייס-געקאַלכטע שויבן.

„אמר רבא, אמר ר׳ פפא“ —
שווימט דער ניגון העכער, העכער,
און עס דוכט מיר די אידיליע
שווימט אין געסל איבער דעכער.

אַט קומט אַן ירוחם טרעגער,
שלעפּנדיק אַ שווערן פּעקל;

שטייט פארטראכט ר׳ פישל מעקלער,
דרייט אין לופטן מיט זיין שטעקל.

דרייט אין לופטן מיט זיין שטעקל,
שטייט זיך שטיל אַזוי פארטראכט זיך,
און דאָס פלומפל פאַר׳ן בית-המדרש
טראכט אויך מיט אים, עס דאכט זיך...

פלוצלונג נעמט ר׳ פישל איילן,
עמיץ קומט אָן פון דער ווייטן —
עס באוויזט זיך יצחק דראָזשקאַרזש
אַף זיין ווייסן פערד צורייטן.

טראָגט זיך, טראָגט זיך יצחק דראָזשקאַרזש
דורך די געסלאך ווי אַ גיבור,
און דאָס פערדל הויבט די פיסלאך
איבער בערג און איבער גריבער.

און צוזאמען מיט די בילדער
גייען אויף אין מיין זכרון,
יוגנט-בילדער, צאַרטע בילדער
פון די שענסטע קינדער-יאָרן.

ניינאונאַכציק

ווינטער-ליבע

קאַלט און אומעטיק אין דרויסן,
און א שטורם קערט די וועלט,
זיץ איך מיר מיט מיין געליבטער
אין מיין איינזאמען געצעלט.

בלומען וואקסן אַף די שויבן,
ווינטער-ראָזן, פּראַסטיק, גראָ;
אַפ'ן דאַך פון הינער-שטעלכל
קראַקעט ווילד א שוואַרצע קראָ.

בענקט מיין ליבסטע נאָך דעם זומער,
נאָך דער נאַכטיגאַל'ס געזאנג;
ווערט איר פּנים בלאס ווי קאַלך,
זיצט פארוואַלקנט שטונדן-לאנג.

נײַוונציק

האָב איך מיטלייד מיט מיין ליבסטער,
כ׳וויל איר העלפן אין איר נויט,
קוש איך אירע בלייכע בעקלאך,
ביז זיי ווערן זומער־רויט...

קוקט מיין ליבסטע ליב און שמייכלט,
און איר האַרץ — עס קוועלט דערפון;
רוף איך איר מיין „פרילינג־גאָרטן“,
רופט זי מיך: „מיין זומער־זון“!

און מיר לאכן פון דעם ווינטער,
פון דאָס שוואַרצע קראָען־ליד;
אין מיין קליינעם אָרים צימער
שראַלט די זומער־זון און גליט...

**
*

בין אליין אין שטוב געווען,
האָב ביים טיש אַ בוך געלעזן,
ס'איז שוין שפּעט אין נאכט געווען,
פּלוצלונג הער איך רופט מען מיר.

און די שטימע ווי פארציטערט,
האַלב דערשלאָגן און פארביטערט,
האָט מיך ווי פון טרוים דערשיטערט,
און איך לאָז מיך צו צום טיר.

און איך שטיי אַזוי עס שרעקט מיך,
אַזש אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך,
אך, ווער האָט דאָס אויפגעוועקט מיך,
אין דער שפּעטער, שטילער נאכט? —

קוק איך ווייט מיט שטאַרע אויגן,
עמיץ איז אדורכגעפלויגן,
ווי אַ ציטער דורך אַ בויגן,
און געשעפּטשעט: „גוטע נאַכט",
און ציגיינעריש געלאַכט...

צוויי־און־צוואַנציק

**
*

בין געזעסן שטיל פארטראכט
אין מיין צימער שפעט ביינאכט,
האָב מיין אלבום אויפגעמאכט
און איר יוגנט־בילד באַטראכט.

לאנג האָב איך אזוי געקוקט,
ס׳האָט אַ שטילער וויי גענאָגט
טיף אין הארצן און געצוקט,
דרויסן האָט דער ווינד געקלאָגט...

טונקל האָט דער לאָמפּ געברענט,
האָב אַזוי אַף מיינע הענט
ביי דעם טיש זיך צוגעלענט,
שלאָפן האָב איך ניט געקענט.

עמיץ האָט מיט מיר געוואכט
אין דער שטילער, שטילער נאכט...

אינהאַלט:

אין ראָד (ערשטע אָפּטיילונג):

אין פאַבריק — 9
הינטער ציגל־רויטע ווענט — 10
דאָס אינגעלע — 11
„סילק סיטי“ — 12
אָף אַ ניו יאָרקער באַן־סטאַנציע — 16
דערמאָנונג — 19
דער זילבערנער בריק (אַ מעשה׳לע) — 20
גלאָקן־קלאַנג — 22
אַ גאַסן־בילד — 23
דאָס ליד פון ברויט — 25

אין דאָרף (צווייטע אָפּטיילונג):

באַנאַכט אין דאָרף — 34

אף בלויע וועגן (דריטע אָפּטיילונג):

מיין בלויע טויב — 43
האָפנונג — 44
שפּילנדיק מיין מאַנדאָלין — 45
זינד — 46
די נאַכט איז שטיל — 47
פלאַטערדיק — 48
צוויי בילדער — 49
אַ פרימאָרגן — 51
מיינע פּערל — 52
מלחמה־לידער — 53
אין פאַרנאַכטן — 55
שיינע, לעצטע זונען־שטראַלן — 56
לידער־בלעטלאַך — 57
אין וועג — 58
זיבן שטילע צימערן — 59
אין דער שטילער אָוונט־שעה — 60
איזידאָראַ דאַנקאַן — 61

ע כ אָ ס (פערטע אָפּטיילונג):

די שוואַן — 65

ווי די שלאַנג — 66

איך האָב פאַרבראַכט... — 67

אַזוי, אַזוי... — 68

כ'הער אָפּט אימיצן באַם טיר — 69

כ'קאָן דיר גאָרניט, גאָרניט געבן — 70

איך בין אָרים, דו ביזט אָרים — 71

בענקשאַפט — 72

אורעלא — 73

דאָס געזאַנג פון ליבע (אַ מעשה'לע) — 74

אַליין — 77

אַ ווייסע נאַכט — 78

איך און ער — 79

שוואַנען־ליד — 80

אין מיין גאָרטן — 86

ווייטע עכאָס — 87

ווינטער־ליבע — 90

בין אַליין אין שטוב געוועזן — 92

בין געזעסן שטיל פאַרטראַכט — 93